בס"ד. שיחת מוצאי ש"פ נח, אור לז׳ מרחשון ה׳תש"מ.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה וירח ה׳ את ריח הניחוח.

* * *

ב. השיחה אודות הענין ד"ויעקב הלך לדרכו" - הוגהה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א, ונדפסה בקונטרס "ויעקב הלך לדרכו" ע׳ 13 ואילך.

* * *

ג. ס׳איז דאך נהוג צו אפלערנען א פסוק חומש מיט פרש"י פון פרשת השבוע, און אויך אן ענין אין די הערות אויפן זהר.

בנוגע צו פרש"י - אזוי ווי מ׳האט גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות[1] וועגן דעם פסוק[2] "ויזכור אלקים את נח ואת כל החי׳ ואת כל הבהמה אשר אתו בתיבה ויעבר אלקים רוח על הארץ וישוכו המים", און מ׳האט אויך דערמאנט דעם פסוק לעיל אין דעם מאמר - וועט מען זיך שטעלן אויף פרש"י על פסוק זה.

ד. רש"י שטעלט זיך אויף "ויזכור אלקים", און זאגט: "זה השם ("אלקים") מדת הדין הוא, ונהפכה למדת רחמים (ווי מ׳זעט וואס דערפון איז ארויסגעקומען) ע"י תפלת הצדיקים".

דערנאך איז רש"י ממשיך: "ורשעתן של רשעים הופכת מדת רחמים למדת הדין, שנאמר וירא ה׳ כי רבה רעת האדם וגו׳ ויאמר ה׳ אמחה, והוא ("ה׳") שם מדת הרחמים".

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק:

רש"י איז מבאר סיי דעם פסוק "ויזכור אלקים", און סיי די פסוקים[3] "וירא ה׳ כי רבה גו׳ ויאמר ה׳ אמחה" - איז וויבאלד אז דער פסוק "וירא ה׳ גו׳" שטייט פאר דעם פסוק "ויזכור אלקים", האט זיך רש"י געדארפט שטעלן אויף "וירא ה׳ גו׳ ויאמר ה׳ אמחה", און דארטן מבאר זיין אז "רשעתן של רשעים הופכת מדת רחמים למדת הדין" - איז ווי קומט דאס אז דארטן זאגט רש"י גארניט, און ערשט ווען מ׳קומט צום פסוק "ויזכור אלקים", איז רש"י מבאר דאס וואס שטייט פריער "וירא ה׳ גו׳ ויאמר ה׳ אמחה"?!

מ׳קען ניט זאגן אז ווען דער בן חמש למקרא האלט ביים

- פסוק -

---

1) שיחת אור ליום ג׳, ב׳ מרחשון - נדפסה בקונטרס "ויעקב הלך לדרכו" ס"י ואילך. 2) פרשתנו ח, א. 3) בראשית ו, ה-ז.

פסוק "וירא ה' גו'" ווייסט ער נאך ניט אז שם ה' איז שם מדת הרחמים (ובמילא איז ביי אים קיין קושיא ניט אויף רעם וואס שטייט "ויאמר ה' אמחה") - ווארום גלייך אויפן ערשטן פסוק פון פ' בראשית, "בראשית ברא אלקים", זאגט רש"י "ולא אמר ברא ה', שבתחלה עלה במחשבה לבראתו במדת הדין וראה שאין העולם מתקיים והקדים מדת רחמים ושתפה למדת הדין, והיינו דכתיב[4]ביום עשות ה' אלקים ארץ ושמים" - ווייסט דאך שוין דער בן חמש למקרא אז ה' איז מדת הרחמים.

ועפ"ז האט דאך רש"י געדארפט באווארענען אז "רשעתן של רשעים הופכת מדת רחמים למדת הדין" גלייך על אתר, אויף "וירא ה' גו' ויאמר ה' אמחה",

[וכידוע דער דרך פון רש"י בפירושו עה"ת (דער דרך הלימוד ווי מ'לערנט מיט א בן חמש למקרא), אז בשעת ס'איז דא אן ענין וואס איז ניט פארשטאנדיק, באווארענט ער דאס על אתר, און פארלאזט זיך ניט אז דאס וועט פארענטפערט ווערן ווען ער וועט אנקומען אין א ווייטערדיקע סדרה],

און אעפ"כ באווארענט דאס ניט רש"י על אתר, נאר ערשט ווען מ'קומט צום פסוק "ויזכור אלקים".

בוז מען זאגן אז בשעת מ'לערנט די פסוקים "וירא ה' גו' ויאמר ה' אמחה", איז ניטא קיין קושיא; ווען מ'קומט אבער צום פסוק "ויזכור אלקים", ווערט א קושיא, און בדרך ממילא ווערט צוליב דערויף נשתנה דער פירוש אין די פסוקים "וירא ה' גו' ויאמר ה' אמחה".

און דאס אלץ דארף זיין פארשטאנדיק אין דרך הפשט, וכפי שיתבאר לקמן.

ה. בנוגע צו די הערות אויפן זהר - איז בהמשך צו דעם וואס מ'האט דערמאנט אין דעם מאמר וועגן דעם כריתת ברית פון נח, כריתת ברית פון אברהם אבינו, און כריתת ברית פון משה רבינו, איז דא אן ענין אין זהר וואס איז אויך פארבונדן מיט נח, אברהם און משה:

אין זהר[5]שטעלט ער זיך אויפן פסוק[6]"תמים הי' בדורותיו", און טייטשט אפ: "אבל בדרין אחרנין איננו נחשב לכלום, כמו דרא דאברהם ודרא דמשה ודרא דדוד", און דערנאך ברענגט ער א צווייטן פירוש: "ד"א חמי מאי עבד בדרא דכולהו חייבים ק"ו אילו הי' בדרא דכולהו צדיקים".

שטעלט ער זיך אויף דערויף אין די הערות[7], און איז - מבאר: -

----

4) שם ב, ד. 5) פרשתנו ס, א. 6) ריש פרשתנו.
7) לקוטי לוי"צ לזח"א ע' כב.

הנחת הת' בלתי מוגה

לכאורה אויף דערויף ניט מתאים דער פירוש וואס ער איז מבאר אין דער הערה?

ועד"ז זיינען דא נאך כמה דיוקים שיש לבארם, ואין כאן המקום לבארם.

יד. ויה"ר אז אזוי ווי מ'שטייט אין מוצאי ש"פ נח, וואס דאס איז פארבונדן מיט "מי נח"[53], אויף וועלכע מ'זאגט "מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה"[54] – איז פון דעם לימוד וועגן די ענינים, זאל עס אראפקומען בפועל,

אז ניט נאר וועלן די "מים רבים" ניט קענען "לכבות את האהבה", נאר אדרבה, דורך די "מים רבים" וועט צוקומען דער "יתרון האור מן החושך" און "יתרון החכמה מן הסכלות"[55], כמבואר אין תורה אור[56].

ווי עס ווערט געבראכט אין חסידות[57] דער משל פון אמת המים וואס מ'איז איר סותם, אז דורך דער סתימה קומען ארויס די מים בתוקף גדול יותר לגבי ווי ס'איז געווען לפנ"ז.

ועד"ז איז אויך בא יעדער ענין של נסיון והעלם והסתר, אז אויף דערויף זאגט מען "כי מנסה ה' אלקיכם אתכם לדעת הישכם אוהבים את ה' אלקיכם"[58], ווי חסידות[59] טייטשט אפ אז "מנסה" איז מלשון הרמה, אז דורך דעם נסיון ווערט מען אויפגעהויבן העכער ווי מ'איז געווען לפנ"ז.

און מ'זאל מערניט דארפן אנקומען צו קיינע נסיונות והעלמות והסתרים, נאר מ'וועט אויפגעהויבן ווערן בחסד וברחמים, ובטוב הנדאה והנגלה, נאך זייענדיק אין זמן הגלות,

ביז צום אמת'ן אויפהויבן – אז מ'וועט ארויסגיין פון גלות, למטה מעשרה טפחים, ומלכתחילה אריבער,

און גיין לקבל פני משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, במהרה בימינו ממש.

* * *

טו. דער ביאור אין פירוש רש"י:

פאר די פסוקים "וירא ה' כי רבה רעת האדם וגו' ויאמר

- ה' -

---

53) ישעי' נד, ט – הפטרת פרשתנו. 54) שה"ש ח, ז. וראה תו"א ריש פרשתנו. 55) קהלת ב, יג. 56) שם. וראה ד"ה מים רבים תשל"ח ס"ד. וש"נ. 57) נסמן בספר הערכים-חב"ד כרך א ערך אהבת ה' – ההוספה שבה ע"י נה"ב ס"ג סק"ב. 58) ראה יג, ד. 59) סה"מ תר"פ ע' קיב ואילך. ועוד.

ה' אמהה", שטייט[60] "ויאמר ה' לא ידון רוחי באדם לעולם וגו'" - אבער אויף דערויף שטעלט זיך ניט רש"י (אויך ניט בפירושו עה"פ "ויזכור אלקים") אז דאס איז פארבונדן דערמיט וואס "רשעתן של רשעים הופכת מדת רחמים למדת הדין", ווארום:

אין דעם פסוק "ויאמר ה' לא ידון רוחי באדם לעולם", שטייט נאך ניט וואס וועט זיין דער סוף (אן ענין וואס איז פארבונדן מיט מדת הדין) - עס שטייט נאר אז "לא יהי' מדון זה ("אם להשחית ואם לרחם") ברוחי . . לאורך ימים", נאר "עד ק"ך שנה אאריך להם אפי"[61],

און וויבאלד אז עס שטייט ניט קיין החלטה וואס איז פארבונדן מיט מדת הדין, איז קיין קושיא ניט פארוואס שטייט "ויאמר ה'", מדת הרחמים.

ווען מ'רערט אבער וועגן די פסוקים "וירא ה' כי רבה רעת האדם גו' ויאמר ה' אמחה", וואס דא שטייט שוין די החלטה וואס איז פארבונדן מיט מדת הדין - ווערט די שאלה: ווי קומט דאס אז עס שטייט דערביי "ויאמר ה'", מדת רחמים?

און אויף דערויף זאגט רש"י אז "רשעתן של רשעים הופכת מדת רחמים למדת הדין".

טז. רש"י זאגט דאס אבער ערשט ווען מ'קומט צום פסוק "ויזכור אלקים" (בהמשך צו דעם וואס "מדת הדין . . נהפכה למדת רחמים ע"י תפלת הצדיקים"), און ניט גלייך ווען מ'לערנט די פסוקים "וירא ה' גו' ויאמר ה' אמחה". והביאור בזה:

דער בן חמש למקרא האט געלערנט אין התחלת הסדרה אז "בתחלה עלה במחשבה לבראותו במדת הדין, וראה שאין העולם מתקיים, והקדים מדת רחמים ושתפה למדת הדין".

ועפ"ז איז פארשטאנדיק, אז ווען עס וואלט געשטאנען "וירא אלקים כי רבה רעת האדם בארץ גו' ויאמר אלקים אמחה" (מדת הדין) - וואלט דער בן חמש למקרא געמאכט א געוואלד: ווי קומט דאס אז מדת הדין איז אליין מחליט און אזוי טוט זיך אפ בפועל, דאס איז דאך היפך הענין פון "הקדים מדת רחמים ושתפה למדת הדין"?!

די גאנצע זאך וואס "הקדים מדת רחמים ושתפה למדת הדין" איז דאך, דערפאר וואס "ראה שאין העולם מתקיים" ווען עס איז דא נאר מדת הדין - איז ווי קומט דאס אז מדת הדין איז אליין מחליט וואס מ'זאל טאן בפועל ("וירא אלקים גו' ויאמר אלקים אמחה")?!

- עס -

----

60) בראשית ו, ג. 61) פרש"י עה"פ.

עס איז גארניט נוגע דאס וואס מדת הדין זאגט, ווארום עס איז ניט נאר וואס מדת רחמים איז א שותף ("שתפה") אין ברה"ע, וואס יעדערער פון די שותפים האט די זעלבע דעה, נאר "הקדים מדת רחמים (ושתפה) למדת הדין", וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת עס זיינען דא חילוקי דעות צווישן מדת הדין מיט מדת רחמים, איז "הקדים מדת רחמים" - דארף מען דאך וויסן דאס וואס זאגט אויף דערויף מדת רחמים!

און דערפאר קען ניט שטיין "וירא אלקים כי רבה רעת האדם גו׳ ויאמר אלקים אמחה" (מדת הדין), נאר עס מוז שטיין "וירא ה׳ גו׳ ויאמר ה׳ אמחה" (מדת רחמים).

און דער פירוש בזה איז - ניט אז מדת רחמים ("ה׳") איז נתהפך געווארן למדת הדין, נאר מ׳האט גע׳פועל׳ט אויף מדת הרחמים אז זי זאל זיך אין דערויף ניט מישן, און לאזן מדת הדין טאן ווי זי וויל (אין דעם זעלבן אופן ווי ס׳איז געווען ווען "עלה במחשבה לבראותו במדת הדין"), עס איז אבער ניט דער טייטש אז מדת רחמים אליין זאגט "אמחה".

און אע"פ אז עס שטייט "ויאמר ה׳ אמחה" (אין, שם ה׳, וועל מותה זיין) - איז אבער דער פירוש בזה, אז דאס ווערט אויפגעטאן דורך שם אלקים, מדת הדין.

ובדוגמא ווי רש"י זאגט אויפן פסוק[62] "לכן כל הורג קין שבעתים יוקם", אז "זה א׳ מן המקראות שקצרו דבריהם כו׳", און דער פירוש דערפון איז, אז "איני רוצה להנקם מקין עכשיו, לסוף שבעה דורות אני נוקם נקמתי ממנו, שיעמוד למך מבני בניו ויהרגהו" - וואס אע"פ אז דער לשון איז "אני (דער אויבערשטער) נוקם נקמתי ממנו", מיינט דאס אבער ניט אז דער אויבערשטער אליין טוט דאס, נאר בפועל איז עס געטאן געווארן דורך למך, איז עד"ז אויך בנדו"ד, אז אע"פ אז ס׳שטייט "ויאמר ה׳ אמחה", ווערט דאס אבער געטאן דורך מדת הדין ("אלקים").

וכאמור לעיל אז ס׳איז ניט דער טייטש אז מדת הרחמים ("ה׳") ווערט נתהפך למדת הדין (וואס דאס איז א דבר פלא - אז א בן אדם זאל קענען מהפך זיין מדת הרחמים למדת הדין ע"י מעשיו), נאר מדת הרחמים לאזט מדת הדין טאן לויט ווי זי וויל.

יז. ווען מ׳קומט אבער צום פסוק "ויזכור אלקים את נח ואת כל החי׳ ואת כל הבהמה וגו׳" - ווערט די שאלה: ווי קומט דאס אז פון שם אלקים, מדת הדין, זאל ארויסקומען אן ענין של רחמים - לכאורה האט געדארפט שטיין "ויזכור ה׳"?!

- און -

----

62) בראשית ד, טו.

און מ׳קען ניט זאגן אז דער "ויזכור אלקים" איז געווען דורך שם ה׳, ווארום דעמולט וואלט געדארפט דערמאנט ווערן אויך שם ה׳, "ויזכור ה׳ אלקים", און וויבאלד דער פסוק דערמאנט אינגאנצן ניט שם ה׳ (אפילו ניט צוזאמען מיט שם אלקים) - מוז מען זאגן אז דאס איז געווען דורך שם אלקים אליין.

און אויף דערויף זאגט רש"י אז "מדת הדין . . נהפכה למדת רחמים ע"י תפלת הצדיקים", וואס דערפאר שטייט "ויזכור אלקים".

און נאך דערויף וואס מ׳האט שוין די הוכחה בדודה ומוחלטת אז דורך דער הנהגה פון בנ"א דא למטה קען מען איבערמאכן מדת הדין למדת רחמים (אז פון שם אלקים גופא (ניט דורך שם ה׳) זאל ארויסקומען דער "ויזכור וגו׳") - קומט צו דער ביאור אין דעם פסוק "ויאמר ה׳ אמחה", אז מדת הרחמים אליין זאגט "אמחה", וויבאלד אז "רשעתן של רשעים הופכת מדת רחמים למדת הדין", און מ׳דארף ניט אנקומען צום ביאור אז "ויאמר ה׳ אמחה" מיינט דורך שם אלקים (און ס׳איז "מן המקראות שקצרו דבריהם").

יח. בנוגע להמדובר לעיל (ס"ו) וועגן דעם וואס עס שטייט אין זהר אז ווען נח וואלט געווען אין "דרא דאברהם" איז "איננו נחשב לכלום", וואס אויף דערויף האט מען געפרעגט, אז לכאורה איז נח יע געווען בדורו של אברהם - קען מען עס ניט פארענטפערן דורך רמזים און דרשות וכו׳, ווארום דאס איז אן ענין וואס ווערט געבראכט אין פרש"י אלס פשש"מ (ווי דערמאנט פריער (סי"ב) דעם צווייטן פירוש פון רש"י אויף "בדורותיו", אז "אילו הי׳ בדורו של אברהם לא הי׳ נחשב לכלום"), ובמילא דארף דאס זיין פארשטאנדיק אין פשש"מ.

ס׳איז קיין קושיא ניט פארוואס באווארענט דאס ניט רש"י גלייך על אתר (ווען ער זאגט אז "אילו הי׳ בדורו של אברהם לא הי׳ נחשב לכלום") - ווארום ווען מ׳האלט בא "אלה תולדות נח", ווייסט מען נאך ניט וויפל יאר האט געלעבט נח, און ווען איז אברהם אבינו געבארן געווארן;

ווען מ׳לערנט אבער דערנאך אז נח האט געלעבט "תשע מאות שנה וחמשים שנה"[63], און דערנאך לערנט מען ווען אברהם אבינו איז געבארן געווארן[64], און מ׳רעכנט אויס די יאדן פון די פריערדיקע דורות ביז צו נח, וואס דעמולט כאפט מען זיך אז ס׳איז געווען א משך זמן וואס נח איז געווען בדורו של

- אברהם -

---

63) פרשתנו ט, כט. 64) שם יא, כו.